בה - 1.

ב"ה -- י"ת פון: ברוך-השם, בעזרת השם,
בעל-הכיה, ברוך-הבא, בין-המצרים, בין-השמשות,
בית-החיים, בית-הכנסת, בית-הכבוד, בית-הדיסא,
בית-מדרש, בית-המקדש.

בהאי עולמא [בעהאַי אַלמאַ] -- אַדאַ פר.
אויף דער דאזיקער וועלט, אויף דער ערד,
" רב יוזיפל איז געווען גארנישט בהאי עולמא.
זיינע מחשבות זיינען געווען ווייט פון דאנען". 9
שפ, אלט - ניי - כתרילעוועקע, "התרילעווקער נשרפים;
ז' 35.

נים זיין בהאי עלמא - [סטוטש 342], ניט וויסן
אויף וואסער וועלט מען איז, וווּ מען איז אין דער
וועלט.

בה"ב [בעהאַוו] -- י"ת. די טעג: מאנטיק (ב)
דאנערשטיק (ה') און דער צווייטער מאנטיק (ב')
די דריי טעג פון די ערשטע צוויי וואכן נאך פסח
און נאך סוכות, ווען פרומע יידן זיינען זיך נוהג
צו פאסטן (אין די יום-טוב טעג לאזט מען זיך ווילגיין
מיט עסן און טרינקען, דארף מען מורא האבן, טאמער
האט מען איבערגעכאפט די מאס און מיט עפעס געזינדיקט).
1866 " גלייבט אונדז, אז איר דארפט אויף אזא שגיאה
תשובה טון און בה"ב פאסטן ". קמ נ' 31, ז' 487. 16
... " אין מקווה איז ער געגאנגען נאר פאר תקיעות און
פאר כל-נדרי, און פון פאסטן 'שובבים' אדער 'בה"ב' 10
האט ער אפילו הערן ניט געוואלט ". סמב.

שוו: ניט דער בה"ב וואלטן יידן אויסגעגאנגען
פון הונגער - (שפאטיש) דאס פאסטן שפארט ויי אייך
עסן.

בהבל פי / פיהם [בעהעוועל פיוו/ פיהעם] -- אדוו פר. מיט זיין (זייער) פוסט מויל, מיט פוסטע רייד.

בהדרגה [בעהאדראגע] -- אדוו. ביסלעכווייז, ניט מיט א מאל, טריט נאך טריט.

1866 " גיי בהדרגה און מיט מתינות, יאג ניט, ווּעסטו
34 גיכער איינפארן ". קמ נ׳ 42, ז׳ 642.

1917 " א סך ליבעראלן [...] האבן גערעכנט, אז עס איז
31 נאך צו פרי צו געבן יידן פולע גלייכבארעכטיקונג;
אז מען דארף זיי [...] ביסלעכווייז און בהדרגה
פארמיק מאכן דערצו ". זשיט IV, נ"י, ז׳ 25.

1970 " נאך דעם ווי ער האט טיף אויפגעהאקערט די
35 געשיכטע פון יידן אין פוילן א ן דער פריער נייציַיט,
האט רינגעלבלום בהדרגה זיך ארייגעצויגן אין
פארשונגען וועגן 19 י"ה. ". יזב סאנץ, ה"א, ז׳ 654.

באדרגהדיק [בעהאדראגעדיק] -- אדי/ אדוו.
דזוו בהדרגה.

1929 " א מיקראב איז דאך א לעבעדיקער נפש, און א
36 לעבעדיקער נפש וואקסט בהדרגדיק ".
ז. גארדין, קלעפקע קראנקייטן, דווינסק.

1948 " דער צווייטער עטאפ נעמט אריין די משכילים און
41 דעם בהדרגהדיקן אויפקום פון אסימילירטע עלעמענטן
[...] ". חנא גארבער, גראדנער אפקלאנגען נ׳2,
ב"א, ז׳ 3.

1965 " עס איז געווען א נאטירלעכער און בהדרגהדיקער
37 איבערגאנג, אן אנוווקס א נארמאלער און מער ניט".
א. גאלאמב, ליטע II, ישראל, ז׳ 399.

ב ה ד ר ג ה ד י ק י י ט | בעהאדראָגעדיקייט | -- די, בא.
אייגנקייט פון בהדרגה(דיק).

1932 " די בהדרגהדיקייט פון יענע וואס האלטן באמה פון אזוינע אבסטראקציעס ווי מענטשלעכקייט און סאציאלער יושב ". ים, נייס. 43

1937" ס'איז אוממעגלעך וויזן דעם איבערגעבורט פון דעם אַדער יענעם געשטאלט אין אַן אַקראָבאַטישן שפרונג. דא דארף מען וויזן די בהדרגהדיקייט ". אי. דרוקער, אויבנאויפיקער הומאר, זש' פארמעסט, נ' 5, קיעוו, ז' 126. 43/א

1938 " וואלט געווען מער באטראכטע בהדרגהדיקייט, וואלט די פעולה אין לערנען געווען א קאָנטיקערע". ים, יידישע דערציאונג. 44

ב ה ו ל | באהאָל | - דער, =ים. צערודערטער מענטש, צעטראגענער, איבערגעאיילטער.

1911 " מיט עטלעכע וואכן שפעטער האט שמאי געמסרט דעם רב איוף הנינאן, אז ער איז א גרויסער בהול און פליט [...] און על-פי- דין טאר ער גאר ניט זיין קיין שוחט ". סאלאמאן וואיאזשער, א שלום וועלכער איז געשלאסין געווארין אין סאלמאנייעווקע נאך א גרויסע מחלוקת, סלוצק, ז' 22. 47

ב ה ו ל ד י ק [ באהולדיק ] -- אדזו. צערודערט, צעטומלט, אין בהלה, פאניק. % בהולדיק איז ער מיר געלאפן ברענגען א דאקטער.

ב ה י ר ת [ ביהעיריס ] - בו ר. ( זך )

" בהירות ער האט געהאלטן אין מיטן לערנען [...] האט ער געבעטן דעם אורח, אז ער זאל מוחל זיין קומען שפעטער ". ליקוטי דיבורים, נ"י, ר"ט. 54

בה - 4.

ב ה י ל ו ת [בעהי'לעס] -- דאס. צערודערטקייט, צעטראגנקייט. % ער איז א נערוועזער מענטש - אלץ וואס ער טוט, איז מיט בהילות.

ב ה י ס ח = ה ד ע ת [בעהייסעך / בעהעסעך הַאַדאַאַס] - אדוו פר. אומגעריכטערהייט, אומדערוואַרט, אומבאַמערקט.

1850 " און משיח וועט נישט אנדערשט קומען ביז ישראל וועלן זיך מייאש זיין פון דער גאולה, ווארום דריי זאכן קומען בהיסח-הדעת, איז איינס דערפון - משיח". מכיר, ספר אבקת רוכל, לעמבערג, ז' 11. 62

... " ער האט געזוכט אין די ספרים און געזוכט. נאר אפט מאכט זיך, אז וואס מען זוכט, געפינט מען דווקא נישט! אזוינע זאכן קומען בהיסח-הדעת, אומגעריכט!". פרץ, סאטירען און הומאָרעסקעס, ז' 27. 63

1969 " ער האט בהיסח הדעת דערציילט, ווי אין זיינע קינדער - יארן איז ער אריינגעפאלן א מאל [...] אין א מיסיאנערן-היכל ". י. בילעצקי, צוק, פעברואר. 59

ב ה י ת ר [בעהעטער] -- אדוו. מיט דערלויבעניש, אויפן כשרן וועג; היפוך פון 'באיסור'.

1872 " ער האט לאה באגראבן אין דער הייל, ווייל זי איז געווען דאס ווייב בהיתר, כלומר לאה איז געווען דאס ערשטע ווייב פון יעקב ". צו"ר. 69

1953 " ביי די ציוויליזירטע פעלקער ווערט עס געטאן באיסור, אלס אן אימהדיקער פארברעכן קעגן געזעץ און געוויסן, בשעת ביי די ווילדע שבטים ווערט עס פראקטיצירט בהיתר ". גרינ, מענטשן און ווערטן IV, נ"י. 72

בהיתר

1676 " אבר איצונדר לערנן אונזרי חכמים וויא איין יהודי
67 לייט דעם אנדרן און' נעמט רווח פון אים בהיתר".
ברנט שפיגל, פפדאַם, פרק נ"ו.

ב ה כ נ ע ה [בעהאַכנאָע] -- אדוו. אונטערטעניק,
נאכגיביק.

1878 " אונדזערע טונעיאדעווקער פארשוינען זיינען געגאנגען
76 ווי מיט א פארקלעמט הארץ און בהכנעה אפגעטראטן
פאר איטלעכן דעם וועג ". ממוס, מסעות, ז' 55.

1968 " א יעדער נעמט דאס קליינע טארבעלע [...] און
77 מ'שפאנט בהכנעה אין געטא אריין ". ש. רוזמאן,
ספר זכרון קהילות לזהרי קרפטורוס - מרמורש,
רחובות, ז' שמו.

דיק -- אדי/ אדוו. דזוו דפוו.

ם ב ה כ נ ע ת ר א ש [בעהאַכנאָס ראש] -- אדוו פר.
דזוו בהכנעה,

1717 " און' זיין הוט זאל ער זיך ציהן אין דיא אויגן
78 [דער אבל] און' זאל גין (בהכנעת ראש) און'
ניקש רידן אונטר וועגין ". ש. פראנקפורט, ספר חיים
II, כז. 2.

ב ה כ ר ח [בעהעכרעך] -- אדוו. % טאן עפעס בהכרח.

1955 " [איינשטיין] האט דערוויזן, אז פון דער
83 צעטיילונג [...] דרינגט ארויס בהכרח די עקסיסטענץ
פון פאטאנען". י. רקה, גק נ' 22, ז' 12.

1959 " פארטייישע ליסטעס מיט אידעען און מיט פירערס בראש שאפן בהכרח א פראקציאנירטן, א פניקר-לאזן פאַרלאַמענט ". ביקל, סאג, 31/VII. 81

1870

ב ה ל ה [ בעהאָלע ] -- די, מצ בהלות [ בעהאַלעס ].
פלוצעמדיקער פחד, צעטומלעניש, אומבאהערשטע שרעק; פאניק.

1843 " דאס איז געווען יצחקס בהלה, ער האט געוואלט עשוין בענטשן, דאס איז געווען די התחלה, פליצלינג קימט יעקב אין חאפט עהם אוועק דיא ברכות פון הינטער דער האנד ". טעיאטער פין חסידים, לעמבערג, ז' 55, ציט אין הש I. 95

"...און איבערקערעניש, מישטיינס געזאגט, א בהלה, א חורבן, ווי נאך אן ערד-ציטערניש אדער נאך א שרפה ". ממוס, צוריק אהיים, ז' 85. 104

1907 " צווישן דעם פארגליווערטן עולם איז מיט א מאל אויסגעבראכן א פאניק, א בהלה, א לויפעריי און א שפרינגעריי איבער קעפ ". שע, אין שטורם, ז' 197. 89

1952 " דער רוב יידן איז אין בהלה זיך פונאנדערגעלאפן און ווי מוראשקעס [...] צעטראטן געווארן אונטער די שטיוול פון די רוצחים ". א. ראפאפארט, דאס בוך פון לובלין, ז' 416. 114

0 בהלה-התונה -- די, =ות. דאס חתונה מאכן קליינע קינדער צו פארהיטן די יינגלער פון נעמען אין מיליטער אין די צייטן פון צאר ניקאלײ דעם ערשטן.

1870 " דאס וואס מען וויל נישט לערנען די לאנדשראך און די בהלה = חתונות קומען ארויס נאר פונעם פאנאטיזמוס ". קמ, נ' 47. 140

א בהלה זאל אויף אייך קומען! (קללה).

ם בהלה

... " זאל איך דיר שרייבן וויא עש אונש גיט קאנשט

וואול משיג זיין מיר נעמן אלי יום בהלות איין ". 93

מ. קאסאוועד, פראגער בריון, ז' 14.

בהלהדיק [בעהאָלעדיק] -- אדי/ אדוו. צעטומלט,

צעשראקן, אין פאניק.

1932 " פראקמיש דריקט זיך עס אויס אין זוכן ראטן=שטעלעס,

[...] אין א בהלהדיקן אנטלויפן פון די יידישע 118

פארטייען ". רעד אקש, דער וועג פונ פאראט, מאסקווע,

ז' 77.

1954 " דער פאטער הערט ניט אויף גוטמוטיק צו מוסרן די

טאכטער, הלמאי זי האט אלץ געמאכט אזוי בהלהדיק ", 150

אדווה גרינ, בלעטלעך פון א טאג-בוך,

נ"י, ז' 257.

בהלהש [בעהאָלעש] -- אדי. (שנש) דזוו בהלהדיק.

1947 " האבן זיך די פויערים אין בהלהשער שרעק אויפ-

געכאפט ". י. שפיגל, מלכות געטא, ז' 5. 154

בהלוואה [בעהאַלוואָע] -- אדוו. אויף באָרג, אויף קרעדיט,

געליִען. % נעמען עפעס בהלוואה.

1875 " ברודער לעב, איך שענק דיר נישט אצינדערט

נאָר איך לײַ עס דיר בהלוואה, אפשר וועט הש"י 155

ווייטער דאס רעדעלע איבערדרייען ". קהל חסידים,

לעמבערג, ל"ז, ז'ב'.

1901 " [...] האט ביי דודלען דערוויילן געכאפט עטלעכע
רובל 'בהלוואה' און איז אוועקגעגאנגען ". 156
יהל, די אומבאקאנטע פארליבטע, ווארשע, ז' 79.

ב ה מ "ד - ר"ת פון בית - המדרש.

ב ה מ ה [בעהיימע] -- די, מצ בהמות [בעהיימעס].

---

1. כולל = נאמען פאר רונדפיך ( קו, קעלבל, אָקס)
אין געוויסע ערטער אויך כולל פערד, אייזל, ציג.

1875 " אפילו מיט בהמות, אפילו מיט זיי באגייט מען זיך
היינט מיט בארעמהארציקייט"! ממוס, קליאטשע,
קרינק 206310.

1908 " דער נארקשסטער פויער וועט נישט ארייגזעצן די
בהמות אין אזא שטאל, ווו עס איז מער נישטא קיין 178
פלאץ ווי פאר איינער ". ד"ר לעססער, [...]
מעדיצינישע מיטלען, ווארשע, ז' 25.

1941 " דרום זאלט איר אפשיידן צווישן דער ריינער
בהמה און דער אומריינער ". תי, ויקרא כ - 25. 193

2. ( ספעצ ) א קו.

1899 " און האסטו שוין פיל אנגעמאלקן - ניט פריי זיך!/
דען גלייך גיט די קו, די בהמה, א דריי זיך / 188
און גיסט אויס די מילך און האקט אויס דיר די
ציינער." צייט דורך א. שארקאנסקי, א שפיטצעל
פון א פורים שפילער, נ"י, ז' 19.

1944 " די דייטשן האבן געדארפט האבן דעם שטאל פאר די
שעמעניכין האט זיי געזאגט: דארט דארף זיך די בהמה 215
אפקעלבן ". רעד א. ערענבורג, מערדער פון פעלקער,
מאסקווע.

גנבֿ... = ...

3. (...) שוטה, נאַר.

1873 " טשיטשע משוגעים, ריינע בהמות ! איר פלוידערט, מישטיינס געזאגט, ניט צו דער זאך". ממוס, קליאטשע. קאַנק' 290160.

1932" אלצדינג וואס ער זאגט דיר, גלייבסטו אים! בהמה, ער שטעלט דיך ארום מיט פעדערן ". בערג, באם דניעפּער 181

II, עמעס, ז' 115.

17 פינצטערע בהמה -- אומוויסנדיקער מענטש, אנאלפאבעט.

כשרה בהמה -- א נאיווער מענטש, א תם, אן אומשעדלעכער נאר.

יידישע בהמה -- ( שפּאַטיש ) א ציג.

ארבעטן ווי א בהמה ( פּפּ ) -- ...

א בהמה בלייבט א בהמה -- א נאר בלייבט א נאר.

בהמה בצורת אדם -- א בהמה אין געשטאלט פון א מענטשן, א גרויסער נאר.

בהמה בצורת פערד -- א גוואלדאָוונער טיפש, שוטה.

1909 " אז נח האט זיך מודה געווען, [...] האט אים דער פאטער |...| אנגערופן מיטן נאמען בהמה בצורת פערד". 221

שע, קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות, ז' 236.

שון: איך דער יוגנט א בהמה, אויף דער עלטער א פערד.

ביסטו א בהמה, קיי שטרוי - ביסטו א נאר, טראג די אחריות,

מעג מען דיך אפנארן.

## בעס וחימה מאכן א מענטש פאר א בהמה.

ם בהמה 1.

1676 " אל די אר צערנן גוט י'ת' אין זיין טאן איז מיט
שלקהייט צום לעצטן מוש ער טרויארן אונ' שטערבט 207
אז איין בהמה אונ' זיין נשמה קאן ניט הנויף [...]".
ברנט שפיגל, פפדם, פרק ג'.

1723 " די בהמה קומט ניט אין דז גיהנם אונ' דר מענש
קומט יוא אריין ". לט 1, א - ב. 198

בהמה גסה [בעהיימע גאסע] -- די, מצ בהמות גסות.
[בעהיימעס גאסעס]. א גרויסע בהמה - אן אקס, א קו.

בהמה דקה [בעהיימע דאקע] -- די, מצ בהמות דקות.
[בעהיימעס דאקעס]. ~~א קליינע בהמה - קעלבל,~~
א ציג, א שעפס.

1950 " האט מען ניט געטארט האדעווען אין ארץ-ישראל
קיין בהמה דקה, קליינפי ". פיעס, דמאי ב, ג. 230

בהמהוואטע [בעהיימעוואטע] -- אדי. נאריש, טעמפ.

1894" דאס נארישע בהמהוואטע זשארגאן -פובליקום לאזט
זיך דאס איינרעדן און מיינט טאקע מי יודע ווער דער 222
ווילנער יונג איז און וואס פאר א פארבארגענער
טאלאנט עס מוז אין אים שטעקן ". א. ג. לאקשען,
ווארשא, ז' 6.

1926 " קוק אן דעם בהמהוואטן בחור ". מ. אלטמאן,
בלענדעניש, טשערנאוויץ, ז' 53. 231

ב ה מ ה  ט ה ו ר ה  [בעהיימע טעהוירע] -- די, מצ
בהמות טהורות [בעהיימעס טעהוירעס]. א בהמה
וואס יידן מעגן עסן פון איר פלייש ( א קו, א ציג,
א שעפס, א קאלב ).

... " קען דען א בהמה טהורה פון א בהמה טמאה מעוברת
ווערן ?". בבא - קמא, עח/א. 225

ב ה מ ה  ט מ א ה  [בעהיימע טמייע] -- די, מצ בהמות
טמאות [בעהיימעס טמייעס]. " אן אומריינע בהמה",
וואס יידן איז פארבאטן צו עסן זייער פלייש :
( אן אייזל, א פערד, א קעמל, א חזיר ); דער היפוך
א בהמה טהורה.

12 - ב"ה

ב ה מ ה נ י ק | בעהיימעניק | -- דער, =עס. (שנש ?)

קאַווּבאַי?

1934 " האט מען דעם בהמהניק פארוואַרפן ארום האלדז א

223 שטריק ". מלה!, נ"י, ז' 49.

ב ה מ ה ר י י | בעהיימעריי | -- די =ען. (זן) דזוו

בהמישקייט ב 2.

1929" אדרבא, מיר איז, (ערסטו, עפעס איינגעפאלן [...]

וואס האב איך מיך געוואָרפן ? בהמהרייען ". צייט,

ברענער, אקט 3, ווארשע, ז' 113.

ב ה מ י ש | בעהיימיש | -- אדי. 1. (ווי) פון א בהמה,

וואס איז שייך צו א בהמה.

1901 " מיסט איז פאראן פון צוויי ארטן - (1) פערדישע

243 און שעפסענע - שטארקערע, אבער וואס ווירקט ניט

לאנג און (2) בהמישע - ניט אזוינע שטארקע, אבער

ווירקט לאנגער ". דער לאנדארבייטער, לוח פאר

קאלאניסטען, ווילנא, ז' 88.

1968 " [די בהמות] האבן אויסגעדריקט זייערע בהמישע

245 בענקשאפט נאך פעלד און פריש גראז ". יזב אטוואצק,

ת"א, ז' 374.

2. ( פיג ) גראָב, ווולגאַר.

? | " עס טרעפט א גליק, אז דער מאן און ווייב זענען

מענטשן, דאס הייסט מיט קלארן

246 שכל, ניט בהמות, וואס

דארפן די בהמישע גלוסטן ערפילן [באפרידיקן] ".

א. מ. ראשיק, א גוטע עצה ווי צו לעבן און געזונט

זייך, אדעס, יאר ?, ז' 105.

3. ( פיג ) נאריש, טעמפ.

1939 " דער גוטער יאר האט אנגעטראגן די בהמישע רייזל ".

194 פערלע, יידן [...] ז' 252.

בה – 12

ב ה מ י ש ק י י ט | בעהימישקייט | - די בא.

1. אייגנשאפט, שטייגער פון א בהמה.

1951 " |...| געשמעקט דעם שארפן ריח פון שטאל און

בהמישקייט ". ייש, פוילן IV, ז' 301. 248

2. ( פיג ) נארישקייט, טעמפקייט.

ב ה ן צ ד ק י [בעהען צידקי] -- אדוו פר. (תת)

אויף מיינע נאמנות, איר מעגט מיר גלייבן.

1889 " זאג איך אייך בהן צדקי, אז איך האב באגעגנט

א סך יונגע גימנאזיסטן און אויך סטודענטן אין מיין 251

צייט, וואס האבן געשמאקט און ערנסט געלערנט ".

הענ, העלפמאן, דיא פערפירטע יוגענד, ווארשא, ז' 27.

... " בהן צדקי, איך וועל קיינעם נישט אויסזאגן !".
פרץ, די רויז.

ב ה ן ש ל י [בעהען שעלי] -- אדוו פר. אויף מיין
וואָרט, אויף מיינע נאמנות.

.... " עס וועט אייך אויך ארויסקומען א טובה, בהן שלי".
250 ממוס, מאקסע, ז׳ 39 |?|.

" איך שווער אייך בהן שלי ". שע, מאנאלאגן,
252/א ׳ ביים דאקטאר״, ז׳ 99.

ב ה ס כ ם [בעהעסקעם] -- אדוו. 1. מיט דער צושטימונג,
1869 " איז געבליבן בהסכם ביי אנשי שלומנו מען זאל
259 ווידער מעכב השחיטה זיין ". קמ נ׳ 5, [illegible] - 36.

2. לויט, נאך % בהסכם מיט עפעס / עמעצן.

... " דאס וואס עס איז בהסכם מיטן אלגעמיינעם אויס-
260 פרווו רופן מיר ׳ רעאליסטיש ׳". מוו, דער וועג
צו אונדזער יוגנט, ז׳ 220.

1960 " אינעם פארשפּיל טרעט אויף טאקע משיח אליין וואס,
269 בהסכם מיט דער לעגענדע, זיצט ער אין דער געשטאלט
פון א בעטלער, ביי די טויערן פון רוים ". שנ,
שלום אש, נ"י.

ב ה ס כ ם - כ ו ל ם [בעהעסקעם קולעם] -- אדוו.
(תה) מיט אלעמענס איינשטימיקייט, צושטימונג,
הסכמה.

..." ביי די געבילדעטע פעלקער [...] איז בהסכם-כולם
272 אפגעמאכט צו האלטן גערן געוויסע געזעצן ". ממוס,
א סגולה, ז׳ 15.

" דערזען פאר זיך דעם שונא אזוי נאענט ...

264 [...], זיינען אונדזערע דעלעגאטן פארשטארבן געווארן

און ס'איז געבליבן בהסכם - כולם [...] מאכן א

פליטה ". שע, אלט-ניי-כתרילעווקע, כתרילעווקער

נשרפים". ז' 54.

ב ה ק י ץ [בעהאַקיץ] -- אדוו. (תמ) אויף דער וואך,

אויף דער וואר; דער היפך פון ''אין חלום'.

1866 " מיר דאכט זיך אז ניט בחלום נאר בהקיץ האב

234 איך זיי געהאַט [די מטבעות]". קמ נ' 17, ז' 267.

1895" וואס זשע איז דערפון געדרונגען? - אז מרדכילע

296 האט אפשר נעכטן בהקיץ חלילה געהאט אזא מחשבה זרה?".

[illegible], דאס פוילישע יונגל, אדעס, ז' 209.

1961 " ער האט זיך איצט באמת אויסגעטשוכעט פון זיין

299 חלום און האט געזען גאר בהקיץ, אז ער געפינט זיך

נישט אויף קיין התונה פון שדים". ייש, טמז, VII/8.

ב ה ק פ ה [בעהאַקאַפע] -- אדוו. (תמ) אויף באָרג,

אויף קאנטע. % נעמען/לייען בהקפה.

1897 " אנגעהויבן נעמען קרעדיט; ניט ווייל

307 ער האט געדארפט, נאר ווייל מען האט אים אנגעווארפן;

אבי נעם [...], האט גענומען בהקפה און געגעבן בהקפה,

און וועלכער יידעלע האט פיינט א הקפה ?". ג. לעוונער,

דער גוטער פריינד, ווילנע, ז' 5.

1957 " בעת הקפות קען מען נעמען אפילו סחורה, און די

305 סחורה גיט מען בהקפה, אויף בארג ". ליקוטי-

דיבורים, נ"י, ז' 392 [?].

ב ה ר ב [בעהאַראַוו] -- פארקירצט פון בן הרב, דעם

רבס זון.

כהרחבה [בעהארכאווע] - אדון. 1. באקוועם,
ברייטלעך, געראַם. % זיצן בהרחבה.

1916 " אין די וואגאנעס איז ווארעם און נישט קיין
איבעריקע ענגשאפט. מ'זיצט זיך בהרחבה און מ'רעדט 328
יידישלעך ". ד. זילבערבוש, שטרעכאלער[...],
ווין, ז' 85.

1928 " דערנאך האט ער זיך אויפגעוועקט [...], אויס-
געצויגן בהרחבה די פיס [...] ~~[illegible]~~ 326
און פון הינטן ארומגערוקט דאס היטל אריבער די אויגן".
מק, 'מוניע דער פייגל-הענדלער' (ניו) אנט, ז' 599.

2. אין ווילטאג, אין גוטע אומשטאנדן. % לעבן בהרחבה.

1892 " גיט השי"ת די מענטשן [...] זיי זאלן בהרחבה
זייער געשעפט שטענדיק קענען פירן ". פלאי המדבר 313
בצדקה,ווארשע, ז' 19 - 20.

1915 "[...] פון די ליידיקע פלעשלעך אליין, ווען א
כתרילעווקער בעל-הבית פארמאגט עס, וואלט ער געקאנט 319
בהרחבה חתונה מאכן דריי טעכטער ". שע,
~~פון כתרילעווקע~~, 'זומערדיקע ראמאנען', ~~ז' 140~~.
כתבים [illegible], נ"י 1944, ב' ט"ג, ז' 145.

1931 " [...] האט זיך געלעבט בהרחבה, ס'הייסט,
מע האט זיך געלעבט לייטיש ". ה. ארלאנד, הרעבליעס, 322
כארקאוו.

1964 " דער אספסוף פון יענע צייטן האט געזאגט קלאר,
אפן און ערלעך: מיר ווילן פרנסה, און פרנסה 327
בהרחבה ". ה. זיידמאן, טמז, 7/29.

3. מיט אלע פרטים, גענוי, [illegible].

1919 " איך וועל זיך נאך אומקערן צו אים, און מיר
וועלן זיך נאך דורכשמועסן וועגן אים בהרחבה ". 323
ושיט X, נ"י, ז' 145.

1961 " די דאזיקע ענייני‌ם ווערן ארומגערעדט אין חב"ד -
320 שריפטן בהרחבה מיט א סך הסברים ". ח. ליבערמאן,
ישפ, XXI - 3.

בהרחבהדיק | בעהארכאוועדיק | -- אדי/1136.

1. דזוו בהרחבה ב 1.

1931 " נאכן פרישטיק איז ער בהרחבהדיק געלעגן א צעשפילעטער
332 אף דער קושעטקע ". מ. טייטש, כאוועד וווליעס טויט,
כארקאוו, ז' 83.

1951 " רב שואל זיצט זיך אין זיין פאטעל אנגעשפארט,
258 בהרחבהדיק, ווי פסח צום סדר ". מ. יאפע,
ליטע ב' I, נ"י, ז' 1485.

2. דזוו בהרחבה ב 2.

1915 " דריי טעכטער חתונה מאכן, לאז שוין זיין אפילו
331 ניט אזוי 'בהרחבהדיק', |...| באדארף אויך קאסטן ".
שע, פון כתרילעווקע, 'זומערדיקע ראמאנען', ז' 141.
1969 " דער כבוד וואס די יידישע לייענערשאפט האט אים
329 בהרחבהדיק צוגעטראגן ". סוצ, גק, נ' 67, ז' 25.

3. מיט א גוטן געפיל, באפרידיקט, זעלבסטצופרידן.

1958 " דער פעטער האט בהרחבהדיק ארומשפאצירט איבער
330 דער צוגערא‌מטער דירה". י. רייזמאן, אמעריקאנער,
8/VIII.

1963 " דער בעל-בשר מיט דער אויסגעקאליעטער באָרד איז
333 נאכן ערשטן סוכותדיקן מעריב געגאנגען בהרחבהדיק
פון קלויז ". פ. רודאי, טמז, IX/29.

ב ה " ש | ד"ת פון ברוך השם.

ב ה ש ג ה ד י ק [בעהאַסאָגעדיק] -- אדי/ אדוו.

(שנש) וואס מען איז מסוגל באנעמען מיטן שכל;

באגרייפלעך, באנעמיק.

1955 " [...] די מחיצה, וואס טיילט אפ דאס בהשגהדיקע

( וואס מ'איז מסוגל צו באגרייפן מיטן שכל ) 362

פון ניט-בהשגהדיקן, איז געגוג מטושטש ". ה. ליבמאן,

צוק, נאוועמבער, ז' 394.

ב ה ש כ מ ה [בעהאַשקאָמע] -- אדוו. פאר פרי, אנהייב

טאָג.

1958 " מ'האט געלערנט בהתמדה און בהשכמה, אנהויבנדיק

מיטן גרויען פארטאג און ענדיקנדיק אין די שפעטע 352

חצות=שעהן ". אידישע וואָר, VIII/22, ז' 5.

1970 " בהשכמה גייט א פרוי זיך באדן ". צייס, אלע

לידער און פאעמעס II, נ"י, ז' 515. 359

ם בהשכמה

1621 " איך רייט אלי צייט בהשכמה אויש אונ' קום זעלטין

[illegible] 353

[...] אהיים צו עסין ". פראגער בריוו, ז' 3.

1715 " איז מיר ביגעגינט איין גוי [...] בהשכמה

האט ער מיך אן גירעט וואו הער אזו פריא ". 354

שו"ת פני יהושע, אמסט, ז' 183 [הש 7(?)].

ב ה ת מ ד ה | בעהאַטמאָדע | -- אדוו. פלייסיק,

מיט חשק, אייפערדיק.

1875 " ער האט געלערנט תורה בהתמדה אזוי ווי דער

שטייגער פון לומדים ". לעמבערג, סב, ז' א'. 371

1965 " מען האט געלערנט <u>בהתמדה</u>, געפילנעוועט מקומות,

גערפּראוועט חסידות און געפילט א סך ~~[illegible]~~ חיות דערינען ". 368

<u>י. זיכערמאַן</u>, <u>נחלת יעקב</u>, נ"י, ז' 149.

ב ה ת מ ד ה ד י ק | בעהאסמאדעדיק | -- <u>אדי/אדוו.</u>

פלײַסיק, אײַפערדיק.

1947 ... " די מסירת-נפשדיקע, שטילע, אבער <u>בהתמדהדיקע</u>

ארבעט פון די אוניווערסיטעטן [...] ". <u>מון</u>, 372

<u>הימלערס פראפעסארן</u>, ז' 140.

נ"ו